# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל
שניאורסאהן
מלובאוויטש

## ראה

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה
שנת המאה להולדת כ"ק אדמו"ר מה"מ

**לזכות**
החתן הת׳ **שלמה** שיחי׳
והכלה מרת **חנה רבקה** תחי׳
**הרשקופ**
לרגל נישואיהם בשעטומ"צ
ביום ג׳, ח"י מנחם-אב, הי׳ תהא שנת אראנו סגולות

**"ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות"**
*
**נדפס ע"י הוריהם**
הרה"ת ר׳ **אליעזר ליפא** וזוגתו מרת **בילא חי׳** שיחיו **הרשקופ**
הרה"ת ר׳ **חיים יוסף** וזוגתו מרת **חוה לאה** שיחיו **גולדברג**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

# ראה

א. אין הלכות בית הבחירה' זאַגט דער רמב״ם „המקדש כולו לא הי׳ במישור אלא במעלה ההר (און ווייטער איז ער ממשיך ומבאר די פרטי החילו־קים והעליות כו׳ — ) כשאדם נכנס משער מזרחי של הר הבית מהלך עד סוף החיל בשוה. ועולה מן החיל לעזרת הנשים בשתים עשרה מעלות כו׳ ומהלך כל עזרת הנשים בשוה ועולה ממנה לעזרת ישראל שהוא תחלת העזרה בחמש עשרה מעלות כו׳ ומהלך כל עזרת ישראל בשוה ועולה ממנו לעזרת הכהנים במעלה גבוהה אמה כו׳ ומהלך כל עזרת הכהנים והמזבח כו׳ ועולה משם לאולם בשתים עשרה מעלות כו׳ והאולם וההיכל כולו בשוה״.

דאָס וואָס דער רמב״ם פאַנגט אָן (ומוסיף) די שלילה — „המקדש כולו לא הי׳ במישור (אלא במעלה ההר)״, און זאָגט ניט נאָר דעם חיוב „המקדש כולו הי׳ במעלה ההר״ — יש לומר:

וויבאַלד אַז לדעת הרמב״ם, איז דער קיום מצות עשה „ועשו לי מקדש״[2] ביים בויען דעם בית המקדש — בהמשך צום „משכן שעשה משה רבינו (במדבר)״, ווי ער זאָגט אין אָנפאַנג הל׳ בית הבחי־רה[3]; און ווי ער טייטשט אויך אָפּ דאָרט ביי די „דברים״ שבבנין הבית[4]:

„ואלו הן הדברים שהן עיקר בבנין הבית, עושין בו קדש וקדש הקדשים ויהי׳ לפני הקדש מקום אחד והוא הנקרא אולם, ושלשתן נקראין היכל ועושין מחיצה אחרת סביב להיכל רחוקה ממנה כעין קלעי החצר שהיו במדבר וכל המוקף במחיצה זו שהוא כעין חצר אהל מועד הוא הנקרא עזרה והכל נקרא מקדש״. וואָס פון פשטות לשונו איז מובן, אַז די „דברים״ וואָס זיי־נען „עיקר בבנין הבית״ זיינען כעין ובדומה צו דעם וואָס עס איז געווען אין משכן[5].

[ועד״ז זאָגט ער ווייטער אין הל׳ בית הבחירה[6] לגבי די „שלש מחנות״ וואָס זיינען געווען במדבר, אַז אַזוי איז אויך „כנגדן לדורות״].

דעריבער וואָלט מען געקענט מיינען, אַז כשם ווי דער גאַנצער משכן איז (בפשטות) געווען אויף איין גלייכן שטח, ניט איין טייל העכער פאַר דעם צווייטן, איז באופן כזה אויך געווען דער מקדש,

דעריבער פאַנגט אָן דער רמב״ם מיט: „המקדש כולו[7] לא הי׳ במישור (ווי דער משכן), אלא במעלה ההר״.

---

1) פ״ו ה״א־ד.

2) תרומה כה, ח.

3) רפ״א. וראה בארוכה לקו״ש חט״ז ע׳ 302 ואילך. וש״נ. חכ״א ע׳ 149. ובהנסמן בהערות שם.

4) הל׳ בית הבחירה פ״א ה״ה.

5) ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 306. וש״נ. וראה גם קרית ספר להמבי״ט על הרמב״ם שם פ״ד.

6) פ״ז הי״א.

7) לכאורה י״ל שזהו דיוק לשון הרמב״ם כאן „המקדש כולו״, כי מאחר שכבר כתב (פ״א ה״ה) שרק ההיכל (קדש קה״ק ואולם) והעזרה (היינו עזרת ישראל, וכלשונו כאן ה״ב: עזרת ישראל שהוא תחלת העזרה) נקרא מקדש (שהם בדוגמת המשכן), וכאן הרי מפרש „ועולה מן החיל לעזרת הנשים כו׳״ („שהחיל ועזרת נשים מעלה יתירה בבית עולמים״ — רמב״ם שם פ״ז הי״א) — לכן הוצרך להקדים „המקדש כולו״, היינו „מקדש״ במובנו הכללי.

אבל יש לדחוק שגם ב„מקדש כולו״ כוונתו לחלקי

---

*) ראה יבמות ו, ב (הובא ברמב״ם כאן פ״ז ה״א ע״ש) איזו היא מורא מקדש לא יכנס אדם בהר





ובנוגע לפועל:

**יש לפרסם ולעורר בכל מקום ומקום ע״ד העבודה המיוחדת דחודש אלול המרומזת בחמשת הראשי־תיבות דתורה תפלה גמ״ח תשובה וגאולה, ובהדגשה מיוחדת בנוגע לר״ת החמישי, ענין הגאולה, כפי שחודרת בכל עניני העבודה, עי״ז שחדורים ונעשים ברוחה של הגאולה (כולל ובמיוחד ע״י לימוד התורה בעניני הגאולה וביהמ״ק), מתוך צפי׳ וודאות גמורה שתיכף ומיד ממש רואים בעיני בשר ש„הנה זה (המלך המשיח) בא״[4].**

ובפשטות:

להכריז ולפרסם בכל מקום — בדברים היוצאים מן הלב — שהקב״ה אומר (ע״י עבדיו הנביאים) לכאו״א מישראל „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה״, ועד שהיום ממש רואים בעיני בשר ברכת הגאולה האמיתית והשלימה.

**[ויש להוסיף ולהדגיש שההכרזה והפרסום דכהנ״ל צ״ל גם ע״י אלה שטוענים שעדיין לא נקלט ענין זה (בשלימות) בהבנה והשגה והכרה שלהם, דכיון שגם אצלם ישנו ענין האמונה בשלימות, יכולים (ובמילא צריכים) הם לפרסם הדברים לאחרים החל מבני ביתו (שבודאי אינם צריכים „לסבול״ מזה שעדיין לא הונח הדבר בשכלו), וכל אלה שנמצאים בסביבתו, כל אחד ואחת מישראל, ובודאי שע״י ההשתדלות המתאימה יתקבלו הדברים ויפעלו פעולתם, כולל גם אצל המכריז והמפרסם, שיוקלט אצלו בפנימיות וכו׳].**

(משיחות ש״פ ראה, א׳ דר״ח אלול תנש״א)

---

4) שה״ש ב, ח. שהש״ר עה״פ.

# לו.

נוסף על כללות הענין ד„אחכה לו בכל יום שיבוא"[1], ובפרט לאחרי ש„כלו כל הקיצין"[2], וסיימו כל עניני העבודה (כמדובר כמ"פ), נמצאים בשנה מיוחדת שהר"ת שלה „הי' תהי' שנת נפלאות אראנו", „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות",

— וכבר ראו בפועל כו"כ „נפלאות" הן בנוגע לגאולת הפרט והן בנוגע לגאולת הכלל, כולל ובמיוחד בנוגע לאחינו בנ"י שבמדינה ההיא, שרבים מהם יצאו מן המיצר אל המרחב, הן כפשוטו, והן (ובעיקר) בנוגע להאפשרות לחיות חיים יהודיים ע"פ התורה ומצוותי', ועד שבימים האחרונים ממש (ובאופן דפעולה נמשכת גם בימים אלה) התקיים הכינוס של שלוחי חב"ד (מכו"כ מדינות) במדינה ההיא — שבה נמצאת העיירה והערים ליובאוויטש, ליאָדי, ליאזנא, רוסטוב ופטרבורג, שבהם חיו ופעלו נשיאי חב"ד במשך כו"כ דורות — נתכנסו השלוחים של נשיא חב"ד בדורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר בעיר הבירה של מדינה ההיא (מאסקווא), על מנת להוסיף ביתר שאת וביתר עוז בהפצת התורה והפצת המעיינות (דתורת חסידות חב"ד) חוצה, שעי"ז אתי מר דא מלכא משיחא[3] —

ובשנה זו עצמה — עומדים כבר בר"ח אלול, חודש החשבון של כל השנה, אשר, הסך־הכל דהחשבון הוא: „עד מתי"!...

היתכן שבסיומם של י"א חדשים דשנת „נפלאות אראנו", משיח צדקנו עדיין לא בא?!...

* * *

1) נוסח „אני מאמין" (נדפס בכמה סידורים) — ע"פ לשון הכתוב חבקוק ב, ג. פירוש המשניות להרמב"ם סנהדרין הקדמה לפרק חלק היסוד הי"ב.

2) לשון חז"ל — סנהדרין צז, ב.

3) אגרת הבעש"ט הידועה — נדפס בכתר שם טוב (הוצאת קה"ת) בתחילתו. ובכ"מ.





ב. דער רמב"ם איז דאָך אַ ספר פון „הלכות הלכות". איז מובן, אַז דאָס וואָס דער רמב"ם איז מתאר אַז דער „מקדש כולו לא הי' במישור אלא במעלה ההר" איז ניט בלויז דערפאַר ווייל אַזוי איז געווען די צורת הבית בפועל — ווי־באַלד דער מקדש איז געווען געבויט אויף אַ הר, וואָס איז נאָכאַנאַנד עולה בשיפוע, האָט מען דערפאַר געמוזט[8] בויען די חלקי הבית אַלץ העכער און העכער — נאָר[9] דאָס איז אַן ענין של הלכה[10] אין „מקדש כולו"[11] — און אין ביידע פרטים פון שלילה און חיוב: דער „מקדש כולו" (א) דאַרף זיין ניט במישור — „לא הי' במישור", און „אלא" (ב) ער דאַרף זיין „במעלה ההר".

ויתירה מזו יש לומר: פון דעם וואָס דער רמב"ם איז מדייק צו זאָגן בלשון „לא . . אלא" — און ניט „המקדש כולו הי' במעלה ההר ולא במישור" — איז משמע[12] אַז דאָס איז ניט אַן ענין נאָר לכתחילה, נאָר אַ תנאי לעיכובא[13].

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: וויבאַלד אַז דער בנין המקדש איז אַ המשך פון מצות „ועשו לי מקדש", וואָס קיומה האָט זיך אָנגעפאַנגען מיטן משכן; און די דברים שהן עיקר בבנין הבית זיינען בדוגמא צו די דברים שבמשכן כנ"ל — וואָס איז די הסברה וואָס אין דעם ענין דאַרף דער מקדש זיין אַנדערש פון דעם משכן[14]?

און אע"פ אַז דער ביהמ"ק איז געווען אין אַ סך פרטים אַנדערש פון דעם משכן, אָנהויבנדיק פון מדת המקדש וכו"כ פרטים בגוף הבנין — איז: א) אויך בהם דאַרפן האָבן אַ טעם, ב) בכמה מהם — איז דער טעם פשוט, כמו — דער מקדש איז געווען (אויך) מאבנים וכיו"ב,

המקדש שנקראים מקדש (שם פ"א ה"ה) היינו מעזרת ישראל ולפנים (הנמנה כאן ה"ג ואילך). ואכ"מ. וראה אנציקלופדיא תלמודית ערך ביהמ"ק. וראה לקמן הערה 14.

8) נוסף על העיקר שאין זה הכרח גמור, שהרי כמו שמהלך עד סוף החיל בשווה וכל עזרת הנשים וכו' בשווה (ולא בשיפוע), כך יכול להיות משך כל המקדש כולו.

9) ראה קרית ספר כאן רפ"ו. וראה שם גם בפ"ה.

10) דאם נאמר שכוונת הרמב"ם בד' הלכות הראשונות בפ"ו היא — רק הקדמה לזה שמסיים בהלכה ה „נמצא גובה קרקע ההיכל על קרקע כו' ומפני זה עשו כותל שעל גבי שער זה נמוך כדי שיהא כהן כו'" (וכ"מ מפיה"מ להרמב"ם מדות פ"ב מ"ד וה') — לא הוצרך הרמב"ם להאריך כ"כ בד' הלכות הראשונות, כ"א לומר כמה גבוה עזרת נשים מן החיל; עזרת ישראל מעזרת נשים, וכו'. או שהי' מספיק רק מ"ש בה"ה.

11) וראה לעיל הערה 7.

הבית כו'. וראה בכורים פ"א מ"ט דנק' בית ה"א. וברד"ק יחזקאל (מ, ה) שההר **בכללו** נקרא **בית המקדש**. וראה מאירי יבמות ז, ב דביאר המחלוקת דת"ק ור"י אם עזרת נשים בכלל מקדש (וטמא הנכנס חייב כרת) או לא הוי בכלל מקדש. וראה שם דיש פוסקים שאף עזרת נשים בכלל כרת כו'. ושם (בחלק הפסקים ז, א) דמצות מורא מקדש אינה אלא מפתח העזרה ולפנים כו' ומד"ס אף בהר הבית כן הוא מן התורה . . ואין קרוי מקדש. וראה שו"ת אבני נזר יו"ד ח"ב סתנ"א אות כ ואילך ואכ"מ.

12) להעיר מתוד"ה מתני' דלא (מנחות פג, ב).

13) וי"ל שתלוי בהנ"ל (הערה 7) בפי' „המקדש כולו", ואם „הכל בכתב גו'" קאי (גם) על כל (הפרטים) הר הבית (ראה הערה הבאה), ואם כל הפרטים שב„הכל בכתב גו'" הן למצוה או גם לעיכובא. ואכ"מ.

וראה סה"ש תשמ"ט ח"ב ע' 453.

14) כי אף ש„הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל" (דה"א כח, יט), ד„כל מלאכת התבנית (ש)הודיעו הקב"ה כו'" (פרש"י סוכה נא, סע"ב. וראה גם ירושלמי מגילה פ"א ה"א); ויתירה מזו: בסוכה שם מוכח, דנאמר זה לא רק על העזרה ומבפנים (וראה פרש"י שם. וראה פרש"י דה"א שם) — מ"מ אין לומר בסתם ענין שהוא גזה"כ ואין ע"ז שום הסברה. וראה קרית ספר שם ספ"ד.

אסך גרעסער און העכער מהמשכן וכו' וויבאלד ער איז געווען לדורות אין זעלבן ארט וכיו"ב, ג) דא דוקא איז מען מדגיש ובפרטיות גדולה אז „המקדש כולו לא הי' במישור (ווי דער משכן) אלא במעלה ההר וכו'".

ג. ויש לומר הביאור בזה:

די חילוקי מקומות וואס זיינען געווען במקדש „במעלה ההר" — וואס דער הילוך פון איין חלק צום צווייטן איז געווען באופן של עלי' במעלות — זיינען בהתאם דערמיט וואס יעדערער פון זיי האט אין זיך א תוספת, אן עלי' בקדושה לגבי דעם מקום פאר עם (ווי דער רמב"ם זאגט אין פרק שלאח"ז[15]). ועפ"ז יש לומר, אז דער דין פון „המקדש כולו לא הי' במישור אלא במעלה ההר" איז פארבונדן מיט די עליות הדרגות שבקדושת המקדש — יעדער חלק המקדש וועלכער איז העכער אין שטח מקומו האט א העכערע קדושה[16].

און דערפאר איז עס א דין נאר אין מקדש און ניט אין משכן — ווייל דאס וואס די חילוקי דרגות בקדושה שאפן א דין אין זייער שטח המקום, איז פארבונדן מיטן גדר הקדושה וואס איז נתחדש געווארן אין מקדש (לגבי קדושת המשכן).

די הסברה אין דעם:

עס איז דא א חילוק עיקרי צווישן דעם משכן און דעם בית המקדש: דער משכן איז געווען א בנין ארעי, כמ"ש[17] „ואהי' מתהלך באהל ובמשכן", ובלשון הרמב"ם הנ"ל אז דער „משכן שעשה משה . . הי' לפי שעה"; משא"כ דער בית המקדש איז געווען א „דירת קבע"[18], ובלשון הרמב"ם[19] „כיון שנבנה המקדש בירושלים נאסרו כל המקומות כולן לבנות בהן בית לה' ולהקריב בהן קרבן ואין שם בית לדורי הדורות אלא בירושלים בלבד ובהר המורי'"[20].

און דער אונטערשייד צווישן זיי אין גדר הקדושה איז: אין משכן איז די חלות הקדושה געווען (בעיקר) אין דעם בנין וחלקיו — די קרשים ויריעות כו' (וואס זיינען נמשח געווארן בשמן המשחה[21] און וועלכע זיינען געווען קבוע), אין זיי איז ניט געווען קיין שינוי; אין ביהמ"ק אבער איז אויך[22] געווען „קדושת מקום"[23] — דער עצם מקום המקדש איז נתקדש געווארן: און אין צוויי זאכען: א) דוקא בנוגע לבית המקדש זאגט מען בפרשתנו[24] „המקום

15) פ"ז הט"ז ואילך.

16) אבל לא כל מקום המקודש יותר גבוה יותר בשטח. — ראה לקמן בפנים (ס"ה ואילך) בנוגע לקה"ק. ויל"ע בנוגע להחיל שלדעת הרמב"ם „מהלך עד סוף החיל בשוה"*. וכן צ"ע בנוגע לבין האולם ולמזבח, שאין שם מעלות, אף ש„בין האולם ולמזבח מקודש ממנה (מעזרת כהנים)" (שם פ"ז ה"כ). וראה לקמן הערה 47.

*) וראה לעיל בשוה"ג להערה 7.

17) ש"ב ז, ו. ראה שהש"ר פ"א, טז (ג). תו"א ר"פ ויגש.

18) ראה שהש"ר שם. תו"א שם.

19) שם פ"א ה"ג.

20) וראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 466 ואילך.

21) תשא ל, כו. פקודי מ, ט. וראה שבועות טז, ב.

22) ראה מהרש"א שם טו, א: לא הי' למשכן שום קביעות מקום ולא הוה צריך לקדש המקום בהיקף ב' תודות ובשירי מנחה אלא שהמשכן נתקדש במשיחה אבל . . בבנין בהמ"ק שנקרא נחלה בעי לקדושי המקום (עיי"ש, ועד"ז כתב בנוגע לשילה: שהוא מקרי מנוחה בקביעות מקום כו' ע"כ הוה צריך לקדש המקום. וראה בהנסמן לקמן הערה 24). וראה תוס' שבהערה הבאה, לקמן הערה 27.

23) ראה תוד"ה או אידי שבועות טז, ב — בפי' רבינו חיים כהן.

24) פרשתנו יב, יא. ספרי ופרש"י שם. וראה בארוכה לקו"ש חכ"ד ס"ע 79 ואילך. וש"נ.





און דאס איז פארבונדן מיט דעם ביהמ"ק וועלכער איז „(ושכנתי) בתו־כם"[49]*, מיט דער בחינה פון „קודש הקדשים" וואס איז אין דעם מקדש הפרטי פון יעדן אידן, פנימיות דפנימיות הלב, בחי' יחידה שבנפש[50], וואס אין אים איז ניטא קיין ציור והגבלה, ועל אחת כמה וכמה ניטא קיין התפשטות (וואס איז נרמז[51] אין דעם קוץ שעל היו"ד[52]), וואס מצד איר איז א איד „מבטל ומסלק את עצמו ורצונו ליבטל אליו ית'"[53], און אין דעם איז די עצם ההתקשרות פון אן אידן — וואס איז העכער פון גדר וציור, יחידה לייחדך, בדוגמת כניסת כהן גדול (אלס א שליח פון „כל עמך בית ישראל בכל מקום שהם") אחת בשנה לקדש הקדשים.

(משיחות ש"פ מסעי תשד"מ)

לקו"ש חכ"ט ע' 71

בשכל: משא"כ שכל שבאין ערוך, כמו החילוק דבמחשכים הושיבני זה תלמוד בבלי (סנהדרין כד, א) לדרך הלימוד דירושלמי דאין תורה כתורת א"י (ראה ספרי ר"פ עקב. ב"ר פט"ז, ד), צ"ל ביטול השגה הקודמת לגמרי. כמבואר בארוכה בסה"מ תש"ח ע' 121 ואילך. וש"נ.

49) תרומה כה, ח. „ואדרז"ל בתוכו לא נאמר אלא בתוכם" (לקו"ת נשא כ, ב).

50) ראה לקו"ש חט"ז ע' 472. וש"נ.

*) כ"ה בכ"מ בדא"ח. ולע"ע לא מצאתיו אלא בר"ח (ש' האהבה פ"ו קרוב לתחלתו). של"ה ש' האותיות אות ל'. מס' תענית רד"ה מענין העבודה. פ' תרומה — שכה, ב. שכו, ב. — ועוד.

51) לקו"ת ראה כז, א.

52) כי גם היו"ד עצמה אינה בבחי' התפשטות — ראה לקו"ת שם. וראה לקו"ש חי"ט ע' 419 ואילך. וש"נ.

53) לקו"ת תצא לח, סע"ד. ושם הוא (גם) לגבי בחי' חי'.

# ביאורים לפרקי אבות

## ועל כרחך אתה חי

ניתן ללמוד מזה הוראה יסודית בעבודת הבורא:

כאשר יהודי עוסק בענין מסויים בעבודת ה', עליו להיות מושקע בכך במלוא החיות ובכל כחותיו, ועד „בכל מאדך" — למעלה ממדידה והגבלה, שאינו נותן מקום לעבודה אחרת (כך שהמעבר לעבודה אחרת הוא „על כרחך").

וכשמקבל ציווי מהשלחן ערוך שעכשיו יש להפסיק עבודה זו ולעבור לעבודה אחרת — תובעים ממנו דבר והיפוכו:

מצד אחד, הוא מרגיש שהעבודה האחרת היא „על כרחך", שכן הוא מסור ונתון בכל נפשו ומאודו לעבודה הקודמת; אך לאידך, הנה תנועה זו עצמה (של „על כרחך") צריכה להביא ל„אתה חי" — שיתחיל לחיות בעבודה החדשה, ועד לחיות אמיתית, שלמעלה ממדידה והגבלה. מכיון שבעבודה הקודמת הי' מסור ונתון לרצון ה' בתכלית, וזה התבטא ברגש של „על כרחך" — מקבל הוא חיות אמיתית בעבודה החדשה[364].

364) לקו"ש חכ"א עמ' 81.

אשר יבחר ה׳ אלקיכם בו״, ב) ס׳איז גע־ וועזן די מעשה הקידוש פון קרקע (רצפה) המקדש כו׳״[25].

און אע״פ אַז אויך בנוגע דעם משכן שטייט אין פסוק[26] (ביי אַ סוטה) „ומן העפר אשר יהי׳ בקרקע המשכן יקח הכהן״ — איז עס א) געווען נאָר ארעי — „לפי שעה״, ב) אפילו אויך באותה שעה — איז עס געווען ניט צוליב דער קדושה פון דעם מקום[27] וקרקע מצד עצמו, נאָר מצד דעם אהל מועד (יריעות וקרשים) — המשכן וועלכער איז גע־שטאַנען אויף דעם קרקע.

ומהאי טעמא איז דאָ אַ חילוק צווישן מקום המשכן און מקום המקדש, אַז ביים משכן, נאָך דעם ווי מ׳האָט אים פורק געווען און נסעו משם[28], איז ניט גע־בליבן קיין שום קדושה במקום הראַ־שון[29] (ובדוגמא ווי דאָס איז געווען ביים הר סיני נאָך מ״ת[30], „במשוך היובל המה יעלו בהר״[31]);

משא״כ ביים בית המקדש[32], איז דער דין, ווי דער רמב״ם פסק׳נט[33], אַז „מקריבין הקרבנות כולן אע״פ שאין שם בית בנוי ואוכלין קדשי קדשים בכל העזרה אע״פ שהיא חריבה ואינה מוקפת במחיצה״. וויבאַלד דער מקום עצמו איז נתקדש געוואָרן („מפני השכינה״[34]) — „המקום אשר יבחר גו׳״ — די בחירה איז אין דעם מקום, דעריבער בלייבט דאָרט קדושה (לעולם ועד)[35].

ד. עפ״ז איז מובן וואָס דוקא אין מקדש איז געווען דער חידוש, אַז „המקדש כולו לא הי׳ במישור אלא במעלה ההר״ און די פרטי החילוקים אין די עליות ממקום למקום אין בית המקדש:

דוקא אין מקדש וואָס איז דאָ אַ קדושה בשייכות צום „מקום״ גופא — דער מקום איז אַ „מקוֹם אשר יבחר ה׳

(25) ראה זבחים כד, א בפרש״י ותוס׳ שם. רמב״ם הל׳ בית הבחירה פ״א הלכה יו״ד ובמפרשי הרמב״ם שם.

(26) נשא ה, יז.

(27) ראה ספרי נשא שם „מגיד הכתוב כו׳ מפני שהמקום מקדשו״. אבל ראה אמבוהא דספרי לספרי זוטא שם, דהכוונה בזה רק שמזמינו שיהי׳ ראוי למי סוטה. עיי״ש. ולהעיר מהדיעה בסוטה טו, סע״ב (וראה פרש״י שם) דא״צ להניחו בקרקע ההיכל.

(28) ראה מנחות צה, סע״א (וש״נ). ובכ״מ. וראה הערה הבאה.

(29) ראה תוד״ה בשילה (יומא מד, א) דמפרש עפ״ז השקו״ט בשבועות שם. עיי״ש. ולהעיר שבתוס׳ שם „אבל במשכן לאחר שנסעו משם ופירקוהו והעמידוהו במקום אחר אין חייבין על מקומו הראשון״ (וראה פי׳ רגמ״ה מנחות שם „שאין ראויים להכנס לאותו מקום שהי׳ בי׳ אה״מ מפני שהי׳ קדוש״). וראה אמבוהא דספרי נשא שם. ואכ״מ. וראה הערה הבאה.

(30) ראה תענית כא, ב: שכן מצינו בהי״ס שכל זמן כו׳ וכן מצינו באהל מועד כו׳.

(31) יתרו יט, יג ובפרש״י שם.

(32) ראה מו״ק ט, א (ועד״ז שבועות טז, ב): משכן שאין קדושתו קדושת עולם . . מקדש שקדושתו קדושת עולם*. וראה ר״ח שם. תוס׳ יומא שם. ובחי׳ הרמב״ן שבועות שם: ואפשר דמאי דקדושתו קדושת עולם שמאחר שנבחר הבית שוב לא השרה הקב״ה שכינתו במקום אחר אע״פ שחרב, משא״כ במשכן שנבחר אח״כ מקדש. וראה חידושי הרשב״א וה־ריטב״א שם.

(33) הל׳ בית הבחירה פ״ו הט״ו.

(34) שם הט״ז. — ולהעיר שנקראת כך „על שם ששוכנת ומתלבשת תוך כו׳״ (תניא פמ״א — נז, ב).

וכבר נת׳ כמ״פ שקביעות קדושת שכינה בהמקום באה מצד מעשה הקידוש שקדשה שלמה (שם הי״ד). ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 206 (ובהערה 49 שם). ועוד.

(35) ואין בכל הנ״ל סתירה להמבואר בלקו״ש חכ״א ע׳ 151 עד״ז לגבי המשכן — כי שם המדובר לא במקום המשכן, כ״א בחלקי המשכן.

*) להעיר עד״ז משיעור הרמב״ם דיום ג׳ דשבוע זה (תשד״מ) — הל׳ נזירות (פ״ז הי״ג) — החילוק דנזיר וכהן, „שזה (נזיר) קדושתו קדושת שעה (ואפילו הי׳ נזיר עולם), והכהן קדושתו קדושת עולם״. וראה רדב״ז ולח״מ שם.





געווען חילוקים אין דרגות הקדושה, איז ער אָבער געווען — בהמקום בעולם הזה — כולו במישור, ניט אויפגעהויבן בהתאם למדריגת הקדושה, במישור אפילו מיט׳ן מקום המדבר.

ו. עפ״ז איז אויך מובן דער טעם פאַרוואָס דער קדש הקדשים במקדש, דער מקום המקודש ביותר, איז ניט געווען אויסגעטיילט בגובהו פון דעם היכל המקדש:

דער ענין אַז די קדושה רוחניות פון מקדש פועלט אין דער עלי׳ פונעם גשמיות׳דיקן מקום — און וואָס דערפאַר איז איין מקום העכער פאַר דעם צווייטן, לויט די חילוקים אין דער קדושה — איז שייך בנוגע אַזעלכע מדריגות אין קדושה וואָס די נידערי־קערע דרגא איז בערך דער העכערער, העכער (נאָר) „בשתים עשרה מעלות״ וכיו״ב; ווען עס רעדט זיך אָבער וועגן אַזאַ מדריגה אין קדושה וואָס איז העכער באין ערוך (ביז צו זיין העכער פון דעם גדר פון מעלה ומטה) — ביי אַ דרגא נעלית באין ערוך — איז ניט שייך אַז דאָס זאָל זיך אויסדריקן אין אַ צאָל טרעפּ, מעלות — אין גובה מדוד ומוגבל, ובמילא — ניט אין גובה מקום גשמי.

און דאָס איז דער חילוק צווישן שאר חלקי המקדש און — קדש הקדשים: חלקי המקדש, איז די קדושה פון איינעם העכער, אָבער בערך, האָט אַן ערך צו דעם חלק ומדריגת הקדושה הסמוכה — און מתאים לחילוק הערך איז דער חילוק ביניהם אין דעם מספר און גובה המעלות בין מקום למקום, איינער איז העכער פון צווייטן אויך בגשמיות.

אָבער ביי (דער קדושה פון) קדש הקדשים, וואָס דאָרטן איז געווען גילוי בהמקום פון (עצמות, פון) נמנע הנמנ־עות[45], אין דעם מקום הארון (שאינו מן המדה[46]), וואָס איז שלא בערך כלל צו שאר חלקי המקדש, העכער בכלל פון דעם גדר פון מעלה ומטה — אַזאַ העכערקייט קען ניט אויסגעדריקט ווערן (אפילו בכעין רמז ודוגמא) אין אַ גובה פון אַ מקום גשמי, וואָס איז מדוד ומוגבל.

ז. נאָך אַן ענין אין דעם — ובהקדים הדיוק אין לשון הרמב״ם „כשאדם נכנס משער מזרחי של הר הבית מהלך עד סוף החיל בשוה ועולה מן החיל לעזרת הנשים בשתים עשרה מעלות כו׳ ומהלך כל עזרת הנשים בשוה ועולה כו׳״, אַז ביי די מעלות ועליות רעדט ער (ניט אַזוי וועגן גובה המקום מצ״ע, נאָר) ווי דער אדם איז מהלך ועולה.

ויש לומר אַז דער רמב״ם איז דער־מיט מרמז אַז די אַלע מדריגות אין קדושה וואָס דער מענטש איז „הולך״ מדרגא לדרגא, איז דאָס באופן של „עולה״, עס מוז פועל זיין עלי׳ בהאדם, ער דאַרף זיך אויפהויבן און עולה זיין מדרגא לדרגא[47].

בשעת עס קומט אָבער צו מדריגות קודש הקדשים, איז ניט דער אופן אַז דער אדם איז „הולך . . ועולה״, ער שטייגט העכער אין זיינע עליות בקודש, נאָר ער איז כולו בביטול במציאות לגמרי, „כולו בשוה״[48].

(45) ראה לקו״ש חי״א ע׳ 319 ואילך. וש״נ.

(46) יומא כא, סע״א. וש״נ.

(47) להעיר מתורת העולה שם פ״ד, רפ״ז. ופ״י. ושם מבאר ג״כ הטעם שאין מעלות לעלות להחיל, וכן בין האולם ולמזבח, ומן ההיכל לקה״ק.

(48) מעין דוגמא לזה — ר״ז צם מאה (מ׳) תעניתא דלשתכח תלמוד בבלי (ב״מ פה, א), שיוכל ללמוד תלמוד ירושלמי. כי בשכלים שבערך העלי׳ מדרגא לדרגא היא ע״י לימוד ועלי׳ נעלית יותר

גו״ — דארט איז שייך זאגן אז די חילוקי הקדושה אין מקדש שאפן חלוקים אין מקום המקדש, אין גובה השטח פון די מקומות, מיט וואס איין מקום איז אויסגעטיילט פון צווייטן מקום. ווארום די קדושת מקום פון ביהמ״ק איז ניט (נאר) א קדושה כללית, גלייך אין דעם גאנצן ביהמ״ק, נאר עס זיינען דא חילוקי דרגות אין קדושת המקום בהתאם צו דרגות הקדושה פון די חלקי הבית — היכל, עזרה.

[און אויך די קדושה מיוחדת פון דעם מקום פרטי איז געבליבן אויף שטענדיק — „אע״פ שאין שם בית בנוי״, ווי פאר־שטאנדיק (אויך) פון דעם רמב״ם הנ״ל אז „אוכלין ק״ק בכל העזרה אע״פ שהיא חריבה כו׳״, וואס אכילת ק״ק איז מקומה בעזרה[36]].

משא״כ דער משכן וואס איז ניט געווען אינעם אופן פון קביעות במקום — ס׳איז ניט געווען א „מקום אשר יבחר ה׳״, נאר קדושת המשכן איז געווען אין די (חלקי) אהל מועד, קרשים ויריעות וכו׳ — דעריבער איז ביים משכן ניט געווען, ניט נמשך און נקבע געווארן דער אונטערשייד פון קדושת חלקי המשכן אין דעם מקום במדבר — וואו ס׳איז געווען (ארעית) חניית המשכן.

און דערפאר איז דער מקום המשכן געווען „במישור״ — אין שטח המשכן גופא איז איין מקום (פון חלק) המשכן ניט געווען אויסגעטיילט פון א צווייטן מקום.

און דערפאר איז דער רמב״ם מדגיש דעם חילוק צווישן משכן און מקדש — כאטש עס זיינען פאראן (כנ״ל) כו״כ חילוקים ביניהם — ווייל דוקא אין דעם וואס „המקדש כולו לא הי׳ במישור אלא במעלה ההר״ (די חילוקי עליות פון די חלקי המקדש) דריקט זיך אויס א חידוש עיקרי פון דעם מקדש לגבי דעם משכן — זייענדיק דער „מקום אשר יבחר ה׳״ האט דער מקדש וחלקיו אויפגעטאן אין מקומו — אין קדושת המקום.

ה. לפ״ז דארף מען אבער פאר־שטיין:

לפי הנ״ל, אז די עליות אין שטח המקום זיינען פארבונדן מיט די דרגות שונות ועליות אין קדושת המקום, וואס העכער ס׳איז געווען די קדושה פונעם חלק המקדש אלץ העכער איז געווען זיין (שטח) מקום — פארוואס זיינען ניט געווען קיין מעלות (וריבוי מעלות) ארויפצוגיין צום קדש הקדשים?

דער קה״ק איז דאך געווען (כשמו קודש לגבי הקדשים) אויסגעטיילט בקדושתו פון אלע חלקי הבית, און ווי דער רמב״ם פירט אויס אין ווייטער־דיקן פרק[37] אז די העכסטע קדושה[38] איז אינעם בית קדש הקדשים „שאין נכנס לשם אלא כה״ג ביוהכ״פ בשעת העבודה״. האט ער דאך געדארפט זיין העכער (א סך העכער) בשטח מקומו?!

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם הביאור בהנ״ל, אינעם הפרש צווישן

---

36) ראה זבחים סג, א. ושי״נ. ספרי קרח יח, יו״ד. וראה לשון הרמב״ם הל׳ מעשה הקרבנות פי״ ה״ג.

37) פ״ז הכ״ב.

38) כי חלק העלי׳ שהי׳ מכוון על קדש הקדשים ש„אין נכנסין לו אלא פעם אחת בשבוע לידע כו׳״ (שם הכ״ג) אינה עלי׳ בקדושה לגבי קה״ק — עי׳ לשון הרמב״ם שם (שלא כתב כמו בהשאר שלפנ״ז „מקודש ממנו״). והרי מפורש ברמב״ם (לעיל הי״ג) דרק „עשר קדושות הן בא״י וזו למעלה מזו״. ובקרית ספר שם „דאע״ג דעליות לא נתקדשו כו׳ עליות היכל נתקדשו . . וקדושתה שלא יכנסו שם ללא לצורך דהא קדושת היכל נמי היא כו׳״. וראה תוי״ט — מדות פ״ד מ״ה: כלים ספ״א ד״ה קדש הקדשים.





משכן און מקדש, לויטן סגנון פון תורת החסידות[39]:

דער משכן, וואס איז געווען א דירת ארעי (כביכול) צום אויבערשטן, איז געווען געבויט פון עצים (קרשים) — צומח און יריעות — (טיילווייז געמאכט פון) חי (בלויז דער קרקע, אויף וועלכן מ׳האט עם לפי שעה מקים געווען איז געווען דומם, עפר[40]): משא״כ דער ביהמ״ק, וואס איז געווען א „דירת קבע״ של הקב״ה, איז געווען געבויט בעיקר פון אבנים („ואין בונים בו עץ בולט כלל אלא או באבנים או בלבנים״[41]) — דומם, וואס איז נידעריקער פון סוג הצומח וחי.

און ס׳איז מבואר דער טעם בזה: ענינו של משכן איז געווען (ניט אזויפיל אויף צו פועל זיין א שינוי קבוע אין גשמיות העולם, נאר) (בעיקר) צו „אפשפיגלען״ דעם סדר ההשתלשלות דהעולמות[42]. און דעריבער איז דער בנין המשכן געווען בהתאם ווי די ענינים ווערן נמשך אין סדר ההשתלשלות, דער מכסה המשכן למעלה איז געווען פון „חי״ אזוי אויך די יריעות עזים שלמטה ממנו, און (ברובן) די יריעות שלמטה מהן. למטה מזה מיעוטא דיריעות המשכן און די נידעריקע חלקי המשכן, קרשי המשכן, איז געווען פון צומח, און נאך נידעריקער די אדנים און דער קרקע המשכן, איז געווען כסף ועפר, דומם.

דער יתרון און אויפטו פון בית המקדש (לגבי דעם משכן) איז אין דעם וואס דורך אים פירט זיך אויס די כוונה פון נתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים[43] דוקא, אז די קדושה, די השראת השכינה, זאל נמשך ווערן און דורכנעמען די וועלט, ביז צו דער נידע־ריקסטע דרגא פון גשמיות העולם — אויך דעם סוג פון דומם, אין וועלכן עס זעט זיך ניט בגלוי זיין חיות און זיין רוחניות.

און וויבאלד אז דער בית המקדש איז ענינו צו ממשיך זיין השראת השכינה אין וועלט באופן אז די קדושה זאל דורכנעמען און מעלה זיין די גשמיות, דערפאר האט זיך דאס אויסגעדריקט אויך אין דער גשמיות׳דיקער מציאות פון וועלט גופא — אז דער ארט וואו דער בית המקדש איז געשטאנען איז געווען בהר, העכער פון די מקומות סביבו[44]: און וואס העכער די עלי׳ און מדריגת הקדושה במקדש, אלץ העכער בגשמיות איז אויך געווען דער מקום גשמי.

משא״כ דער משכן, וואס (עיקר) ענינו איז ניט געווען אז די השראת השכינה שבו זאל דורכנעמען גשמיות העולם ביז דעם דומם, דעם ארץ, שאין למטה ממנו — דעריבער איז די השראת השכינה און די קדושה שבו כאילו פארבליבן ווי א באזונדער מציאות, דאס האט זיך ניט אפגעשפיגלט אין דעם מקום גשמי. און דעריבער, כאטש אין משכן זיינען

---

39) תו״א ר״פ ויגש. תו״ח ויגש שם פ״ח. סדור כא, ב. ועוד. וראה לקו״ש ח״ז ע׳ 17 ואילך. ח״ט ע׳ 62 ואילך. ובכ״מ.

40) כ״ה בתו״א. וצ״ע שלא נזכרו שם האדנים שהיו דומם. ובתו״ח שם צב, ג: ושם צג, ב: ובחי׳ אדני הקרשים דמשכן מדומם דכסף.

41) רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״א ה״ט.

42) ראה בחיי תרומה כה, ט. ועוד. תורת העולה להרמ״א ח״א באריכות. ולהעיר מתניא פל״ד.

43) תנחומא נשא טז. וראה גם במדב״ר פי״ג, ו.

44) ראה זבחים נד, ב (ושי״נ): מלמד שביהמ״ק גבוה מכל א״י וא״י גבוהה מכל ארצות. וראה להלן זבחים שם — הובא בפרש״י ברכה לג, יב.